# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:53
מוצאי שב"ק....................9:24

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................איוב כ"ב-כ"ג
בבלי.......................יבמות ע"ה
ירושלמי................שבועות ה'
תוספתא.................אהלות ה'
רמב"ם.......טומאת אוכלים י"ב

פרשת בהר, כ' אייר, אבות פרק ד', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 38 (553)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ. די הייליגע תורה זאגט אונז "וָחַי עִמָּךְ", מען זאל העלפן דעם ארעמאן, און ער זאל לעבן מיט דיר.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'), מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווילְן נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, וֶוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי: "עֶס אִיז יֶעצְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה". אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

ווִי מֶער גֶעלְט אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אַלְץ מֶער ווִיל עֶר הָאבְּן מֶער, עֶר וֶוערְט מֶער אוּן מֶער אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין תַּאֲוַת מָמוֹן. ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס? וַוייל וֶוען עֶר הָאט אַבִּיסְל גֶעלְט, פְּרוּבִּירְט עֶר זִיךְ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן מִיט אַ שֶׁענֶערֶע הוֹיז, טֵייעֶרֶערֶע קְלֵיידֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, לוֹיט ווִי עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס פַּאסְט לוֹיט זַיין פַארְמֶעגְן, אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶענוּג אַלֶעס אַיינְצוּקוֹיפְן, פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַבִּיסְל מֶער גֶעלְט, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין מְסוּדָר אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם. אָבֶּער ווִי נָאר עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ גֶעלְט, דַארְף עֶר דָאךְ שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ טֵייעֶרֶערֶע זַאכְן, לוֹיט ווִי עֶר קוּקְט זִיךְ אָן אִינֶעם יֶעצְטִיגְן שְׁטַאנְד, מְמֵילָא אִיז עֶר וַוייטֶער נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט ווִיפִּיל גֶעלְט עֶר הָאט, עֶר ווִיל הָאבְּן נָאךְ מֶער, עֶר ווִיל הָאבְּן טָאפְּלְט, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער אוּן דִי צוּפְרִידְנְקֵייט פוּן גֶעלְט קוּמְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָן.

דָאס אִיז פַאר זִיךְ אַלֵיין, פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז עֶר דַארְף הָאבְּן מֶער אוּן מֶער, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ צְדָקָה, מֶען בֶּעט אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַן אָרֶעמַאן, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אָרֶעמַאן דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִּיל גֶעלְט, עֶר הַאלְט אַז פַאר'ן אָרֶעמַאן קוּמְט זִיךְ נִישְׁט מֶער ווִי אַ שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט, נִישְׁט צוּ שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער, אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, וֶוען עֶר זֶעט אָבֶּער ווִי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער ווִי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעס גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאל וֶוען הָאבְּן שֵׂכֶל, וָואלְט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז ווִיל עֶר טַאקֶע הָאבְּן מֶער גֶעלְט, קֶען עֶר עֶס נָאר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט צְדָקָה. דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן זַיין גֶעלְט פַאר'ן אָרֶעמַאן, אוּן טַאקֶע מִיט אַ שֶׁפַע אוּן גוּט הַארְץ, וֶועט עֶר נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם מֶער פִּיל מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אוֹיךְ צוּרִיק צָאלְן מִיט אַ בְּרֵייט הַארְץ, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק "עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר", עשר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט צוּ פַאר דִי וָואס גֶעבְּן צְדָקָה (דְּבָרִים ט"ו, י') "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְחַי אָחִיךָ עִמָּךְ, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי ווִי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶע אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאל הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ד')

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערֵיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זָאל זַיין בַּאבְּלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַסַאךְ הָאבְּן דִי זַאךְ אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט; דָאס קְלַאפְּט אוֹיס צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ גוּט וָוארְט אוּן וֶוען מֶען בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט וֶוערְט מֶען אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְ'ן צְוֵייטְן.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז יֶענֶעם הֶעלְפְן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. פוּן וַוארְטְן אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, מֶען דַארְף זַיין דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן הֶעלְפְן יֶענֶעם גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, נָאכְן עֶסְן אַז אֵייעֶר מַאן זָאגְט נִישְׁט "יְשַׁ'כֹּחַ פַאר דִי עֶסְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען" - זָאלְט אִיר אִים פְרֶעגְן: "דִי עֶסְן אִיז גוּט גֶעוֶוען? הָאסְט הַנָאָה גֶעהַאט?" אוּן עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן "יָא"; צוּבִּיסְלִיךְ וֶועט עֶר שׁוֹין אַלֵיינְס זָאגְן: "יְשַׁ'כֹּחַ פַאר דִי עֶסְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# ווי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נִישְׁט בַּאצָאלְן חוֹבוֹת אִיז נִישְׁט אַזַא עַוְולָה ווי זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג אִיז מֶען אַ לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם; וָואס אִיז דָאס זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן? הָאסְט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן? –זָאג יֶענֶעם: "אִיךְ גֵיי דִיר בַּאצָאלְן", "אִיךְ הָאב אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי דִיר צוּ בַּאצָאלְן", "אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ", וְכַדוֹמֶה לָזֶה. רֶעד, עֶנְטְפֶער, קוּם צוּם טֶעלֶעפָאן וֶוען יֶענֶער רוּפְט. יֶענֶער הָאט דָאךְ דִיר גֶעהָאלְפְן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען צֶעדְרוּקְט, עֶר הָאט דִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט; וָואס אִיז דָאס מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג?!

פָאלְג וָואס אִיךְ זָאג דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע וֶועם דוּ קוּמְסְט גֶעלְט, אוּן זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם רוּפְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּן, אַז אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ קוּם דִיר גֶעלְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶער זְמַן הַפֵּרָעוֹן אוּן אִיךְ אִיגְנָארִיר דִיךְ, אִיךְ ווִיל דִיר נָאר זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דִיר אִם יִרְצֶה ה' בַּאצָאלְן בִּיזְן לֶעצְטְן פְּרוּטָה; אִיךְ הָאב אַ שְׁטִיקְל פְּלַאן, אִיךְ וַוארְט אוֹיף גֶעווִיסֶע גֶעלְטֶער אוּן אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן".

וֶוען דֶער מַלְוֶה וֶועט הֶערְן אַז דוּ טְרַאכְסְט נָאךְ פוּן בַּאצָאלְן וֶועט שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין דִי חֵמָה, אוּן וֶוען עֶר וֶועט הֶערְן אַז דוּ בֶּעטְסְט אִים אִיבֶּער אוּן אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט זַיין טִיר פַאר דִיר –וֶועט עֶר אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דוּ וֶועסְט אִים בַּאצָאלְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

דָאס זָאלְסְטוּ שׁוֹין טוּן גְלַייךְ נָאךְ לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו; נֶעם זִיךְ צַאם, שְׁרַייב אַרָאפּ אַלֶע נֶעמֶען, אַלֶע חוֹבוֹת, נֶעם דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן הוֹיבּ אָן רוּפְן.

צְווֵייטְנְס זָאלְסְטוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג גֵיין אִין פֶעלְד, ווָאוּ נְסְט דָאךְ אִין שְׁטֶעטְל צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער; גֵיי אִין פֶעלְד אוּנְטֶער דַיין הוֹיז, דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין צִי טִיף, גֵיי אַבִּיסְל אַרַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, קֶענְסְט אַהִין טְרָאגְן אַ בֶּענְקְל; דָארְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי גֶעבֶּעט:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, אִיךְ זִינְק אִין חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאב גֶענוּמֶען הַלְוָאוֹת פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס - אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין גֶעלְט זֵיי צוּ בַּאצָאלְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַארְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אִיז פוּן ווָאוּ זָאל אִיךְ נֶעמֶען גֶעלְט זֵיי צוּ בַּאצָאלְן?**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט; וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? וָואס זָאג אִיךְ פַאר זֵיי?**

**אָנָּא, אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): **"יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִלּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר וְהִתְפַּעֲלוּת לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ בַּעַל חוֹב, וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט טוּן – וֶועט מֶען אַלְץ בְּלַייבְּן אַ בַּעַל חוֹב; דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבָן.**

**עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוּיל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, מַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".**

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג מִיט אַ קְבִיעוּת, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועטֶער; זָאל רֶעגֶענֶען, שְׁנֵייעֶן, דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן; דוּ גֵיי מִיט אַ קְבִיעוּת.

דְרִיטְנְס, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן דִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, זֵיי זָאלְסְטוּ אַלְץ בַּאדַאנְקֶען, אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען זֵיי רוּפְן דִיר אוּן צוּמָאל וֶועלְן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט רֶעכֶענֶען פַאר דַיינֶע פַיינְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דַיינֶע פַיינְט, זֵיי זֶענֶען דַיינֶע פְרַיינְט, זֵיי הָאבְּן דִיר דָאךְ גֶעבָּארְגְט, גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר בְּעֵת דַחֲקוּת, דוּ בִּיסְט דַיין פַיינְט, זֵיי זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹב זַיין.

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן יֶעדֶע וָוארְט פוּנֶעם בְּרִיוו וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אָפְּצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ פָאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה לַ"ג בָּעוֹמֶר בַּיים תַּנָא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ'אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעשָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פַייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער ווִי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל. וָואס טוּט אָבֶּער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט ווִיסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּאְ'טַעֲמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִּירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי וִוי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמ)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

**תקיב**

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גֶעפֶערְלִיכֶע מְנִיעוֹת אוּן סַכָּנוֹת וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט זַייעֶנְדִיג אִין אִיסְטַאנְבּוּל אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע סַכָּנָה עֶר הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעפִינֶען, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "אִיר קֶענְט קוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גְרִינְגֶערְהֵייט", דָאס הֵייסְט אַז פַאר זֵיי וֶועט נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן מְנִיעוֹת וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט, פַאר זֵיי וֶועט זַיין גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיבּ זֵיי וִוילְן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען אָבֶּער זַיין גְרֵייט צוּ לַיידְן יִסוּרִים אוּן צוּ צֶעבְּרֶעכְן מְנִיעוֹת אֵיידֶער מֶען קוּמְט אָן אַהִין, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן וָואס זֶענֶען גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן מִיט יִסוּרִים (בְּרָכוֹת ה'.), אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דָארְט אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי וִוילְן אוּן בֶּענְקֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נָאר גְרֵייט צוּ פָארְן אוֹיבּ עֶס קוּמְט זֵיי אָן גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט מִיט צַעַר אוּן דוֹחַק. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט קַיין אֱמֶת'עֶ רָצוֹן, וַוייל וֶוער עֶס וִויל אֱמֶת'דִיג אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ גֵיין אֲפִילוּ צוּפִיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית י"ב, א') "לֶךְ לְךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין מִיט דִי פִיס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**תקיג**

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה "תִּשְׁעָה תִּיקוּנִין", הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט קוֹלוֹת וּבְרָקִים אִין זַיין מֹחַ.

**תקיד**

**שַׁבָּת שׁוּבָה** זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען אִינֶעם רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ צוּ עֶסְן מִיט זֵיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוּן זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט נִישְׁט זִיצְן גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, נָאר אִין גֶעוִויסֶע צַייטְן אִין יָאר.

זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט נֶעבְּן רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן גֶעהָאפְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן זַיין גְרוֹיסֶע טָאכְטֶער, זִי אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין צִימֶער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִיר אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן זַיין קְלֵיינֶעם טָאכְטֶער (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תק"ז). זִי הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייקֶענֶען אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער דֶער

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט אִין אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, אָבֶּער נָאכְאַלְץ מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מִיט דֶעם. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס אִין גַאס זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ תְּפִילָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיפְ'ן וֶועג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג; אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן – פַארְמַאכְן זִיךְ אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן, עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן; אָבֶּער עֶס אַז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן.**

**דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, רַחֵם עָלַי, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי שָׁאדְן וָואס אִיךְ טוּ זִיךְ אַלֵיינְס מִיטְ'ן נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען פַארְלִירְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ קוּקְן, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף מַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< נייעס

דאווענען, נישט צו שמועסן. דארט ביים וואנט זעט מען נישט קיין חברים, מען זעט נישט ווער עס קומט אריין, דארט וועסטו נישט דארפן קיינעם אויפנעמען; איך בעט דיר זייער דו זאלסט מיר העלפן בויען דעם בית המדרש און נישט העלפן חרוב מאכן. נאכ'ן דאווענען קענסטו יעדן אויפנעמען און דערציילן דיינע מעשיות, אבער בשעת התפלה זאלסטו זיין שטום און טויב".

אין א בריוו צום גבאי פונעם בית המדרש האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, איך וויל דיר בעטן אויב איך קען קומען רעדן צו די חברים אין בארא פארק, איך וויל זייער קומען רעדן דארט דעם רבינ'ס ווערטער; אויב איז דא פלאץ - אפשר גאר מאכן פון צייט צו צייט דעם ליל שישי שיעור אין בארא פארק. איך וויל זייער מחזק זיין דעם בית המדרש, עס זאל זיין א שיין ווינקל, א ליכטיג ווינקל, פון וואו עס וועט ארויסגיין א ליכט פאר גאנץ בארא פארק. אזוי ווי דו ווייסט דאך וואס טוט זיך היינט, מענטשן זענען אזוי דורשטיג פאר אפאר אמת'ע ווערטער; אביסל חיזוק צו קענען אנגיין מיט'ן טאג טעגליכן געיעג.

דער נייער בית המדרש געפונט זיך אויף 4801 11'טע עוועניו אין בארא פארק. דער אייבערשטער זאל העלפן דער נייער בית המדרש זאל שיין מצליח זיין, און עס זאל צוריק ברענגען אסאך אידישע קינדער צום אייבערשטן.

**שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!**

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס דָאךְ שׁוֹין סֵיי וִוי דֶעם אֶמֶת", הָאט זִי אִים גֶעמוּזְט אַרוֹיסְזָאגְן קְלָאר וָואס הָאט פַּאסִירְט.

דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט פַאר אַ שָׁעָה אֲבֵלוּת.

תקטו

דֶעם רֶבִּינְ'ס צִימֶער הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען הַארְט נֶעבְּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דָארְט דַאוֶונֶען אַלֵיין אִין זַיין חֶדֶר מְיוּחָד אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט קַדִּישׁ, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער.

שְׁפֶּעטֶער אִין יֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין צִימֶער צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דַאן גֶעזֶעסְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ מִיט זֵיי.

דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעוֵויינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז וֵויינֶען דַארְף קוּמֶען פוּן שִׂמְחָה, עֶר הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן רֶמֶז אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, י"ז) "בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם", אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז "בְּכִיָה", וֵויינֶען. אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה דַארְף זַיין פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע"ה).

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעהַאט – וִוי מֶען רוּפְט עֶס אִין חֲסִידוּת – אַ "גְרוֹיסֶע הֶאָרָה" צוּ זָאגְן תּוֹרָה, נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן זַיין טָאכְטֶער, אִיז עֶס צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דִי קְלֵיינֶע טָאכְטֶער פֵּיגָא, וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זִיךְ זֵייעֶר אָפְּרֶעדְן צוּ אִים, וַוייל וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט רְפוּאוֹת, הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט אַ גוֹי וָואס הָאט גֶעטוּן מִיט לְחָשִׁים אוּן סְגוּלוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז כָאטְשׁ וָואס הַיינְט טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל קַיין כִּישׁוּף מַאכֶערְס, אָבֶּער יֶענֶער גוֹי אִיז יָא גֶעוֶוען אַ גֶעהֶערִיגֶער מְכַשֵׁף, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פְּגַם פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע אוּן גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, דֶערִיבֶּער אִיז זִי זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן אוֹיף דֶעם.

דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמוּזְט פְרֶעגְן אוּן מֶען זָאל אִים זָאגְן קְלָאר אַז זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן דַאן הָאט עֶר אִיר גֶעקֶענְט מְתַקֵן זַיין. אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן דִי גְרוֹיסֶע תּוֹרָה וָואס עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

פָאַרְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פֹּעֲלַת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין מירון אויף ל"ג בעומר

אין די הקדמה פון ליקוטי מוהר"ן טוט אונז דער הייליגער רבי מגלה זיין אביסל איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי און איבער די גרויסע ליכטיגקייט וואס ער האט איבערגעלאזט אויף דער וועלט, דער רבי טייטשט אז דאס וואס חז"ל דערציילן אז רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט "חס ושלום שתשתכח תורה מישראל", די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון די אידישע קינדער חס ושלום, און ער האט געברענגט דערצו דעם פסוק "כי לא תשכח מפי זרעו", איז טאקע מרומז אין דעם פסוק אז דורך רבי שמעון בר יוחאי וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן, די סופי תיבות פון "כ'י ל'א תשכ'ח מפ'י זרע'ו" איז "יוחאי", ווייל פון די גרויסע אורות וואס עס האט מגלה געווען רבי שמעון וואס איז א זון פון יוחאי, קען מען זיך האלטן אינעם שווערן גלות, און דורכגיין אלע שווערע נסיונות, דער רבי שרייבט דארט אויך אז "ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית" איז ראשי תיבות שמעון, דארט איז מרומז רבי שמעון בר יוחאי.

דאס איז געווען די ארבעט פון די צדיקים אין אלע דורות, צו מגלה און מפרסם זיין דעם אייבערשטן נאך מער און מער אז אפילו אונז און אפילו אין די היינטיגע שווערע צייטן, זאל מען זיך האלטן צו די הייליגע אמונה, און אזוי וועט בלייבן אז די תורה און דער אייבישטער וועט חס ושלום קיינמאל פארגעסן ווערן פון כלל ישראל.

דער טאג ל"ג בעומר ווערט געפראוועט ביי כלל ישראל מיט גרויס געהויבנקייט, אבער בפרט ביי אנשי שלומינו, וואס פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און לערנען און זאגן ש"ס, מדרשים, און זוהר הקדוש, וואו די תורה פון רבי שמעון בר יוחאי איז אפגעשריבן, שפירט מען זייער שטארק דעם קשר מיט רבי שמעון, דורכדעם וואס מען לערנט זיינע הייליגע ווערטער.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געפארן קיין ארץ ישראל צו זיין אין מירון ביומא דהילולא קדישא אום ל"ג בעומר, מיט זיין טאטע הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, צו מתפלל זיין און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות און אלעס גוטס.

אין די בתי מדרשים "היכל הקודש" אין אלע געגנטער איז מען זיך צוזאמגעקומען צו א סעודה לכבוד ל"ג בעומר, און זיך געשטארקט מיט די לימודים פון הייליגן רבי שמעון, אזוי ווי דער רבי האט אונז עס איבערגעגעבן אויף א וועג אז מיר זאלן אויך קענען נאכמאכן און גיין אין זיינע הייליגע וועגן.

ביי א געלעגנהייט האט דער ראש ישיבה אמאל געזאגט, "הרבה עשו כרבי שמעון ולא עלתה בידם", אז דאס מיינט אז אויב מען וויל אסאך נאכטון רבי שמעון, פאלט מען דורך, מען קען נישט טאנצן מדריגות, מען דארף טון ווי דער רבי זאגט "מעט גם כן טוב", גיין שטאפלווייז נאך אביסל און נאך אביסל, און אזוי קען מען ווערן אן אמת'ער ערליכער איד.

**כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו!**

***

# נייער בית המדרש "היכל הקודש" אין בארא פארק

גרויס שמחה הערשט אין די טעג צווישן אנשי שלומינן מיט די פרייליכע בשורה פונעם נייעם שטיבל "היכל הקודש" אין בארא פארק וואס מען האט יעצט פון פריש געעפנט אין א נייעם לאקאל, אין הארץ פון שטאט.

ביז לעצטנס איז דער בית המדרש אין בארא פארק געווען אינעם הויז פון הרה"ג רבי יצחק לעסער שליט"א וואס האט אוועקגעגעבן א חלק פון זיין דירה פאר'ן בית המדרש, מיט א צייט צוריק האט מען זיך גדארפט אוועקציען פון דארט, האבן זיך אנשי שלומינו אין בארא פארק גענומען זוכן א נייעם פלאץ וואס קען זיין געאייגנט פאר'ן שול.

פארשטייט זיך די ערשטע זאך וואס ברסלב'ע חסידים טוען איז תפילה, מען בעט דעם אייבערשטן, און דאס האט מען טאקע געטון, אנשי שלומינו האבן יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן, "הייליגער באשעפער, העלף מען זאל טרעפן א גרויסע שיינע געשמאקע פלאץ וואס זאל זיין געאייגנט פאר א בית המדרש היכל הקודש".

געלויבט דעם אייבערשטן אז נאכ'ן זוכן א שטיק צייט האט מען טאקע געטראפן גאר א גוט ווינקל וואס איז ממש געאייגנט פאר דעם, א שיינע געשמאקע בנין אין הארץ פון בארא פארק.

גלייך האט מען דערציילט פאר'ן ראש ישיבה די גוטע בשורה, פון וואס ער האט זיך זייער געפריידט, מען האט אויסגעשמועסט מיט'ן ראש ישיבה וויאזוי מען וועט קענען צאלן די קאסטן פון די בית המדרש, מען דארף צאלן חודש'ליך רענט פאר דעם פלאץ, האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל זיך ווענדן צו די "רענט קאמפיין" וואס ווערט אנגעפירט דורך די צוויי חשובע אינגעלייט ר' אשר בער אינדארסקי הי"ו און ר' שבתי מארקוס הי"ו. אזוי מען האט געטון, מען האט זיך געוואנדן צו זיי אויב זיי ווילן זיך אינטערנעמען צו צאלן די רענט פון דעם פלאץ, און זיי האבן דאס גענומען אויף זיך בחפץ לב. פארשטייט זיך אז אנשי שלומינו וועלן שוין יעצט פילן פאר וויכטיג מער ארויסצוהעלפן די צוויי גבאים און זיי געבן שענערע סכומים, נאכדעם וואס עס גייט ליגן אויף זיי נאך א התחייבות פון צאלן רענט.

אין א בריוו צו איינעם פון אנשי שלומינו אין בארא פארק שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "אזוי ווי מיר ציען זיך אריין דעם שבת קודש אינעם נייעם בית המדרש אין בארא פארק, וויל איך דיר בעטן דו זאלסט מיר העלפן בויען דעם שול, מיטן נישט רעדן ביים דאווענען, מיר קענען זייער מצליח זיין מיט'ן שול נאר אז מען וועט נישט שמועסן ביים דאווענען. בעט ביי די גבאים אויב דו קענסט קויפן א פלאץ ביי מזרח זייט ביים וואנט, דארט וועט דיר זיין גרינגער צו

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן שמואל שטרול** הי"ו
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש מאנטשעסטער
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **ישראל יעקב ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **חיים שלום קרויס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## שרעק זיך נישט

**קיינער קען דיר גארנישט שלעכטס טון, דו זיי נאר שטארק און שרעק זיך נישט פון קיינעם, וועט קיינער נישט האבן קיין שליטה אויף דיר**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 13**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**





הפצת הגליון נתנדב ע"י מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו, להודות ולהלל להשי"ת על הנסים ונפלאות שעשה עמנו ועם בנינו היקר נחמן ישראל נ"י